


**Żydowska gazeta illustrowana. — Jüdische Illustrierte Zeitung.**

wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi**: Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. **Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50** — M. 6 — Frs **7.50. kwartalnie** K. **2.75** — Rbs. 1.50 — **M. 2.25** — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje:** Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonnementspreis**: jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50. — M. 6 — Frs 7·50. — vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 2·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**: Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.341. **Inseraten-Annahme**: Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = (1.5 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50. פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקאסטע 62. — טעלעפאן נו' 412 — עסטער. פאסטשפארק.-קאנטא נו' 57,341. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען-בירא „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.

# די וואהלעז איז ענגלאנד.



די וואהלען אין ענגלאנד: אינ'ם קלוב פון די קאָנסערוואטיווען ווערען די ניענע פון זייערע קאנדידאטען בעגריסט מיט גרויס פרייד.

## צו דער קומענדער נומער ווערד בייגעגעבן „די הבדלה" נו' 2.

ריעינינע אבאנענטען, וואס ווייע־ אבאנעמענט ענדינט זיך מיט דיזע נומער, בעקומען ביינעלעגט א פאסט־שעק, מיט וועלכען זיי ואלען עם תיכף ערנייערן, כדי מיר זא־לען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיט׳ן צושיקען פון אונזער בלאט.

•

די פ. ט. אגענטען ווערען אויפגעפאדער־ט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווי־ל ואנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז:
י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר׳ 49. פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נר׳ 16.
אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.
אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.
אין אמעריקא: ש. הדוקע־מאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

# די אדמיניסטראציע.

---

# די וואהלען אין ענגלאנד.

מיט׳ן גרעסטען אינטערעס קוקט די גאנצע וועלט אויף דער וואהל־קאמפאניע, וואס ווערט איצט געפיהרט אין ענגלאנד.

— די וויכטיגסטע וואהלען פון דער מאדערנער צייט — אזוי רופען די ענגלענדער די איצטיגע וואהלען, וואס קומען פאר צום פארלאמענט. די ענגלענדער זענען די ערשטע פאליטישע מענשען אין דער וועלט, זיי בעזיצען די עלטעסטע און אפשר אויך די בעסטע קאנסטי־טוציע אין אייראפא. דער וואהלקאמפף ווערט ביי זיי גע־פיהרט זעהר ערנסט. כמעט יעדער בירגער פערשטעהט די בעדייטונג פון די וואהלען און ער האט זיך זיין פעס־טע פאליטישע איבערצייגונג, פון וועלכע מען וועט איהם מיט א שנאפס נישט אראפפיהרען. די ענגלישע צייטונ־גען זענען פול מיט שילדערונגען איבער די ערשטען וואהלטעג, וועלכע בעווייזען, אז דער ענגלענדער פער־שטעהט זיך צו פערוויילען אפילו אין די ערנסטע, ערנס־טע מאמענטען פון זיין לעבען.

די גאנצע טאג זענען די גאסען געווען פול גע־פאקט מיט מענשען. כדי מען זאל חלילה קיין טעות נישט האבען און נישט פערבייטען א קאנסערוואטאר אויף א ליבעראל, וועלכע זענען זעהר לייכט צו פערוועקסלען, ווייל א ענגלישער קאנסערוואטאר איז נאך אליין ליבע־ראלער פון א געשווארענעם ליבעראל אין אנדערע לענדער. האבען די קאנסערוואטיווען געטראגען בלויע שלייפען און די ליבעראלען געלבע שלייפען. צוזאמען מיט די מענער האבען אויך די דאמען אנגעטהון די ריכטיגע שלייפען.

די אניטאציע צווישען די וועהלער האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. נישט בלויז דאמען האבען זיך בעט־היילינט אין קאמפף, אפילו קינדער האבען אויך מיט גע־האלפען זייערע עלטערען. מענער און פרויען, אלט און יונג, האבען געטהון זייער פאליטישען חוב. צווישען די וועהלער איז געווען א בלינדער מענש פון 84 יאהר, וואס האט זיך געלאזען פון זיין טאכטער פיהרען אב־געבען זיין שטימע; ער איז נאך נישט דער עלטעסטער וועהלער.

דער עלטעסטער וועהלער איז א ארבייטער פון 93 יאהר, וועלכער האט זיך געריהמט, אז ער גיעט שוין 25 יאהר אב זיין שטימע פאר די קאנסערוואטיווען און ער ווערט נא־ נישט נתפעל פון דער מפלה, וואס זיין פארטיי האט ביז איצט בעקומען. ער האפט נאך צו דערלעבען איהר נצחון.




וואהל־פערנאמעטער אין ענגלאנד.

אין א צווייטען אַרט, אין וואלפורטה, האט ווידער א צוועלף־יאהריגער יונגעל געהאלטען א פייערדיגע אגי־טאציאנס־רעדע פאר די קאנסערוואטיווען.

אין די טעאטערען און אין די קאנצערטען, האט מען יעדעס מאל געמוזט אנזאגען דעם עולם, וואו עס האלט מיט די וואהלען און די ידיעות האבען אסך מעהר אינטערעסירט דעם עולם און זענען אויפגענומען געווא־רען מיט שטורמישע בעגריסונגען מעהר ווי די פאר־שטעלונגען.

איבערהויפט האט זיך דער עולם פערזאמעלט ארום די רעדאקציעס אין דער גרויסער פלעצט נאס און האָ־בען דארט געווא־רט אויף די פרישע ידיעות. כדי דעם עולם זאל, חלילה, נישט לאנגווייליג ווערען, האבען די רעדאקציעס בעזאָ־רגט ספעציעלע קינעמאטאגראפען, פאר־שטעלונגען און גראמאפאן־קאנצערטען אלס מעניני דיומא, פון וועלכער דער עולם האט שטאַרק הנאה געהאט.

ערשט א ביסעל שפעטער, אין אָווענד, ווען ס׳איז אנ־געקומען די ידיעות איבער די נצחונות פון די קאנסער־וואטיווען און די מפלה פון די ליבעראלען, האבען אנ־געהויבען די נאסען צו הילכען פון די „הורא״ געשרייען פון די קאנסערוואטיווע און „הוהו״ פון די ליבעראלען.

צווישען דעם ליארעם פון המון האט זיך פון צייט צו צייט געהערט דאס רוישען פון די אויטאמאבילען, וואס זענען געפלויגען זוכען א וועהלער, וואס האט פער־שפעטיגט צו קומען. מידערצעהלט, [אז פיער אויטאמא־בילען זענען געפלויגען קיין פאקהאם נאך איין איינציגען וועהלער. אבער דער טייערער מענש איז זיך געפאהרען צום וואהל קעסטעל מיט׳ן אמניבוס און האט גאר נישט געוואוסט, אז די שענע אויטאמאבילען וואס זענען פאר־ביינעלאפען, האבען עס איהם געזוכט.

קיין מענשליכע פעדער איז נישט בכח צו בע־שרייבען, וואס ס׳האט זיך געטהון אין לאנדאן שבת ביינאכט אים ערשטען וואהלטאג. נאכדעם ווי מען האט זיך דערוואוסט דער רעזולטאט פון די וואהלען. שפעט נאך האלבע נאכט האט מען נאך געזעהן מאסען מענשען אין די גאסען, וואס האבען צווישען זיך דיסקוטירט איבער דעם סוף פון די וואהלען. אין איינינע געגענדען זענען פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס צוליעב די וואהלען, אבער די פאליציי האט נישט געפונען פאר נויטיג זיך אריינצומישען.

איבערהויפט האט אבער גערוישט אין און ארום די פאליטישע קלובען, וועלכע זענען שוין פון אנהויב



וועגען אבעסינישען קאיזער: דער אבעסינישע קרוינפרינץ אין בעגלייטונג פון די שבטים־הויפטלינגע.



א איבעראַשענדע מעדיצינישע ערפינדונג: דער אפּאַראַט צום קאָנסטאַטירען די הערצטהעטיגקייט. אויבען די געוועהנליכע, אונטען די טהעטיגקייט פון א קראַנקען.

דער וואהל־טהערמאָמעטער, פון וועלכען מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער אַ בילד, איז א נייע ערפינדונג און ציהט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט.

# וואלהעז־קראצער אין ווארשא.

„וואָלקען־קראַצער" ווערען אנגערופען די יענינע אַ־מעריקאַנישע הייזער, וואס צעהלען עטליכע צעהנדלינגע שטאק, אזוי אַז זיי דערגרייכען מיט זייערע דעכער ביז אין די וואָלקען אַריין.

דיעזע הייזער זענען ביז־אהער געווען אַ אמעריקאַנישע שפּעציאַליטעט. נאָר אמעריקא מיט זיין הויך ענטוויקעלטער בוי־טעכניק האט געקענט אַ זאַלכע הייזער בויען און נאָר דאָרט ווי דער באָדען איז שרעקליך טהייער, האט מען עס נעפונען פאַר נויטהיג, אויפצושטעלען דערארטיגע געביידעס.

איצט, ווי עס זעהט אויס, וועט אַמעריקא באַלד אויפהערען צו זיין אַ יחיד אין דער בעציעהונג. מען הייבט שוין אויך אין אייראָפּאַ אָן, צו בויען „וואָלקען־קראַצער", ווען אויך נישט אין אזא מאָס־שטאב ווי אין אַמעריקא.

דעם אָנפאַנג האָט, מערקווירדיגערווייזע, געמאַכט וואַרשא. דאָרט ווערד איצט געבויעט אַ טעלעפאָן־צענטראַלע, וועלכע וועט האָבען 14 שטאק. די הויך פון הויז וועט זיין 50 מעטער.



די וואהלען אין ענגלאנד: די פאלקסמענגע ערווארטעט פאר דעם וואהלאקאל אויף דעם רעזולטאט.

דאס געביידע איז געבויעט לויט די פלענער פון ארכיטעקט ראַקאָיסקי און וועט שוין בקרוב אין גאנצען פערטיג זיין.

# די יודען פון בוכארא.

אין דער לעצטער צייט קומען אָפט אין די צייטונגען פאַר ידיעות וועגען די יודען פון בוכאַרא, זייער לעבען און זייער גורל.

דאס גורל פון דיעזע יודען, וועלכער וואוינען אין בוכאַרא זייט פיעלע הונדערטער יאָהרען איז באמת זעהר טרויריג. פריהער ווען בוכארא איז געוועזען א זעלבשטענדיגער אזיאטאר שטאאט, איז זיי נאָך געוועזען ביטער און פינסטער. זייט עס אבער דאס לאנד געהערט צו רוס־לאנד, ווערען זיי צוואַר מענשליכער בעהאנדעלט און גע־ניעסען יוענינסטענס די „רעכטע", וועלכע עס בעזיצען אַלע אַנדערע יודען אין רוסלאַנד. דאנען איז זייער מאטעריעלע לאגע זעהר שלעכט. דורך די בעקאַנטע בע־שרענקונגען ווערען זיי אויסגעשלאָסען פון פיעל פּרנסות און זיי וואַנדערען אויס אין גרויסע מאַסען, הויפּטזעכליך קיין ארץ ישראל, וואו עס עקסיסטירט שוין היינט אַ אנזעהנ־ליכער בוכארער געמיינדע.

די בוכאַרער יודען האָבען זעהר אַ אינטערעסאַנטען בעסעלקערונגס־טיפּוס, זייערע רעליגיעזע מנהגים זענען אין פיעלע בעציעהונגען פערשיעדען פון אונזערע — זיי זענען זעהר פרום און זיי האַלטען שטרענג זייערע מצות און זייערע אַלטע מנהגים.

# א פרוי אלס ארקעסטער־דיריגענטין.

די פרויען פערנעהמען בסדר מעהר פּלעצער אין דער געזעלשאפט. פּאָליטישע רעכטע וויל מען זיי נישט געבען, אבער אין דער קולטורעלע קען מען זיי דעם פּלאַץ נישט אָבשטרייטען.

און דוקא אין ענגלאנד, וואו די סופראַזשיסטקעס פיהרען אַ העפטיגען, אבער ביזהער אוננוצליכען קאַמפּף פאַר זייערע פּאָליטישע רעכטע, איז דיעזע מען אויפגע־טרעטען צום ערשטען מאל אַ פרוי אַלס אָרקעסטער־דיריגענטין מיט אַ זעלטענעם ערפאָלג.

עס איז דאס די קוים 19־יעהריגע מיס מאַריארע פלויטהער, וועלכע האט אלס ערשטע פרוי דיריגירט דעם אָרקעסטער ביים אויפפיהרען פון דער אפּערעטע „אליס אינים וואנדערלאנד". וועלכע האט, א דאנק דער געשיקטען דיריגענטין, ערר‍ייכט א זעלטענעם ערפאָלג.



די וואהלען אין ענגלאנד: דאס שקרוטיניום אים וואהללאקאל.



1500 מעטער אין דער לופט: דער לופט־פליהער פוילהאן אין זיין אפאראט.

# 1500 מעטער אין דער לופט הויך מיט א לופט־באלאן.

די פליה־קונסט דערגרייכט אלע מאל צו א העכערער מדרגה און זעצט פשוט אין פערוואונדערונג די גאנצע וועלט.

ערשט נישט לאנג אין די וועלט איבערראשט געוואָרען פון דעם זעלטענעם פאקט, אז דער פראנצויזישער לופט־פליהער ליטהאם, האָט מיט א אוירפלאן דערגרייכט א רעקאָרד פון 1050 מעטער די הויך און איצט איז די וועלט ווידער איבערראשט געוואָרען מיט א נייעם סענזאציאָנעלען פאקט.

אין קאליפאָרניען האָט דער פראנצויזישער לופט־פליהער פוילהאן, אונטערנעמען א פליה־פארטיע מיט א אוירפלאן און האָט דערגרייכט א רעקאָרד פון 1500 מעטער אין דער הויך.

דער פאקט, וועלכער האָט ביז איצט נאָך נישט געהאט זיינס גלייכען אין דער פליה־קונסט, האָט ארויסגערופען א אלגעמיינע איבערראשונג און פוילהאן, וועמענס בילד מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער, איז דערוויל אנערקענט געוואָרען אלס דער קעניג פון די פליהקונסטלער.



„וואלקען־קראצער איןווארשא: דאס נייע 14 שטאק הויכע טעלעפאן־געביידע אין ווארשא.

# דער מעכטיגסטער געלד־קעניג פון דער גאנצער וועלט.

יעדעס לאנד האָט זיך זיינע העלדען און יעדעס פאָלק זיינע פערזענליכקייטען. ביי יעדער נאציאָן זענען די פאָלקס־העלדען צוגעפאסט צום כאראקטער פון דעם געגעבענעם פאָלק און זענען שטארק בעאיינפלוסט פון די סאָציאלע אָדער קולטורעלע פערהעלטניסע וואָס הערשען אין דעם געגעבענעם לאנד.

ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט אז אין אמעריקא זענען די פאָלקס־העלדען די געלד־קעניגע; זיי ווערען געאכטעט און געשעצט ביים פאָלק; זייער דעה איז מאסגעבענד און אויסשלאגענד פאר דער גאנצער אמעריקאנישער פאָליטיק. טאטע־מאמע ווינשען זייערע קינדער צו קומען אויף דער מדרגה, ווי דער אָדער יענער מיליאָנער, די פרעסע איז פול מיט די געלד־קעניגע די וויץ־בלעטער בעפאסען זיך מיט די מיליארדער־ע און די פאלקס־פאנטאזיע שאפט פאנטאזיעס און לעגענדעס פון די מעכטיגע געלד־האָבער.

אינטערעסאנט איז נאָר, אז די אמעריקאנער מיליארדערע זענען נישט נאָר די רייכסטע אין אמעריקא, זונדערן די רייכסטע אין דער וועלט און דעריבער ווערען זיי מיט רעכט אָנגערופען די מעכטיגסטע געלד־קעניגע פון דער גאנצער וועלט.

איינער פון דיזע מלכים, און דער פיעלפאכיגער מיליארדער דזשאָהן פיערפאָנט מאָרגאן, וועמענס בזומגע פערמעגען, עס ווערד געשאצט אויף איבער טויזענד מיליאָן דאָלאר. אחוץ דעם איז ער דער איינציגער פון דעם אמעריקאנישען פעטראָלעאום טרוסט בעזיצער פון די באהנליניען, וועלכע פערבינדען דעם אטלאנטישען ים מיטן שטילען אָקעאן רעגירט איבער געוואלדיגע שיפס־געזעלשאפטען. ער בעהערשט דעם טעלעפאָן טרוסט און איז בעל־בית איבער אלע פערזיכערונגס געזעלשאפטען.

מאָרגאן ווערד פון איין זייט שטארק אנגעגריפען און בעקעמפפט, דאגעגען פון אנדערער זייט ווערד ער געאכטעט און איז בעליעבט, ווייל ער האָט געגוג געלד צו שפענדען אויף פערשיעדענע צוועקען. מענשען וואָס קומען מיט מאָרגאן'ען אין נאָהנטע בעציהונגען, דערצעהלען, אז ער איז א גרויסער ליעב־האָבער פון קונסט און אז ער איז נישט נאָר דער געלד־קעניג פון דער וועלט נאָר אויך דער רייכסטער בעזיצער פון די טייערסטע קונסטווערקע.

א אמעריקאנישעס וויצבלאט האָט אונלענגסט געבראכט א קאריקאטור אילוסטראציע, וועלכע שטעלט פאָר זעקס בילדער, ביי יעדען בילד שטעהט אן אמעריקאנער דזשענטעל מאן, וועלכער פרעגט עפיס און פון



דער רייכסטער מאן אויף דער וועלט: דזשאהן פיערפאנט מארגאן.

דעם קאסא־פענסטע־ל שטעקט מאָרגאן ארויס זיין קאָפ און ענטפערט איהם.

אלס א כאראקטעריסטיק איבער זיין הערשאפט און אין אמעריקא ברענגען מיר די עטליכע פראגען און אנטוואָרטען:

פראגע: וואו דארף איך צאָהלען פאר מיין טעלעפאָן?

אנטוואָרט: „דאָ“.

פראגע: וואו זאָל איך מיר קויפען א באהן בילעט?

אנטוואָרט: „דאָ“.

פראגע: וואו קען איך מיך לאָזען פערזיכערן?

אנטווארט: „דא“.

פראגע: וואו קען איך איינלעגען מיין ערשפאַרטעס פערמעגען?

אנטווארט: „דאָ“.

פראגע: וואו קויף איך א בילעט פאר דער קונסט־אויסשטעלונג?

אנטוואָרט: „דאָ“.

פראגע: וואו איז דאָ צו פערקויפען א טהעאטער בילעט?

אנטווארט: „דא“.

און ביי דער זעקסטער אנטוואָרט, ווערד דער אמעריקאנער שוין פערוואונדערט און ער רופט אויס: עפּיס קומט איהר דאָך מיר אזוי בעקאנט פאר?!...

דזשאָן פיערפאָנט מאָרגאן, וועמענס בילדער מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער, איז איצט אלט 72 יאָהר און פיהלט זיך נאָך געזונד און לעבענסלוסטיג.



דער רייכסטער מאן אויף דער וועלט: 1) מארגאן אלס עהרען־דאקטאר. 2) מארגאן אין זיין ביוראָ.



די שרפה פון טירקישען פארלאמענט: דאס פארלאמענטס-געביידע אין קאנסטאנטינאפאל.

# די שרפה אין טירקישען פארלאמענט.

אין קאָנסטאנטינאָפעל איז יענע וואך אָפגעבּ־ענט געוואָרען די געביידע פון טירקישען פארלאמענט.

דיזע שרפה האָט אויסגערופען א שטארק פאָלי־טיש גערודער אין דער גאנצער טירקיי, דען אחוץ דעם מאטריעלען שאָדען, וואָס די רעגירונג האט דאבּיי גע־ליטען, זעט מען אין פאָליטישע קרייזען דיזער שרפה פערשידענע פירושים.

אנפאנגס האָט מען אפילו אנגענומען, אז די סבה פון דער שרפה איז געוועזען א גאז־עקספלאזיע. ס׳איז אבער פאר דיזער סבה נישטא קיין שום פאקטישע בעווייזע און דערבּער ווערד וואס א מאל פעסטער די איבערצייגונג, אז ס׳האבען ביי דער קאטאסטראפע גע־מוזט זיין פאָליטישע סבות.

נאָך העכסטוואהרשיינליכער ווערד דיזע פערמוטהונג דורך דעם פאַקט, וואָס א טירקישע „אילוסטרירטע צייטונג" האָט מיט א טאָג־צוויי פאר דער שרפה געבראַכט א בילד, וואָס איינעם האָט זיך געחלומ׳ט. דאס בילד האָט פאָרגעשטעלט ווי דאָס פארלאַמענט ברענט און אונטערן פארלאַמענט איז געשטאַנען דער געוועזענער סולטאן אבּד־ל האַמיד, וועלכער האָט דאָס פייער אונ־טערגעלעגט...

די שרפה ווערד אַלזאָ בעטראכט אלס א אַקט פון די רעאַקציאָנערען, וועלכע איז געווענדעט געגען די יונג־טירקען און די גאַנצע טירקיי בעטראכט דערפאר די שרפה אלס א נאציאָנאַלעם אומגליק.

די שרפה האָט אויך גענומען 3 מענשליכע קרבנות. קרבנות פון די ארבייטער, וואָס זענען געווען בעשעפטיגט ביי דער רעטונגס־אַקציע. דער שאָדען בעטרעפט אויף 10 מיליאָן פראַנק און דאָס וועט מוזען ליידען דער שטאאט. דען די געביידע איז נישט געווען אסעקורירט.



ראטהשילד׳ס צדקה־גבאי געשטארבען: ה׳ עמיל האינער.

דער סולטאַן האָט, דערהערענדיג די בשורה, שטאַרק געוויינט, דען ס׳זענען פערברענט געוואָרען א סך זעהר וויכטיגע דאָקומענטע.

דאָס פארלאַמענטס־געביידע, וועמענס בילד מיר ברענגען אין אינזער היינטיגער נומער, איז אין גאַנצען חרוב געוואָרען און ס׳איז אפילו נישטאָ וואו צו פיהרען די זיצונגען.

# מארד־פטרזוך צוליעב נקמה.

אין וויען האָט לעצטענס פּאסירט א װעלטענער־פאַל; א פאציענט האָט געוואָלט שיסען א פראָפעסאר, וועלכער האָט איהם אָפערירט די נאָז. דער מאטיוו פינ׳ם אטענטאַט איז געווען נקמה. אָבער א וועלטענע נקמה! נישט חלילה דערפאר, ווייל די אפעראציע איז דעם פּראָ־פעסאָר נישט געלונגען, נאר אומגעקעהרט, דערפאר ווייל די אָפעראציע איז יא געלונגען...

דער אַטענטאַטער איז א שניידער־געהילף מיט׳ן נאָמען יאָהאַן סאוקאָפּ, וועלכער האָט זיך נאָך פאר 6 יאָהר, ביים וויענער אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר דר. אלעקסאַנדער, געלאָזט אפערירען די נאָז און ווייל די אָפעראציע איז געלונגען, האָט ער איהם דאן געקלאָגט אויף 20 טויזענד קראָנען שאדען־זאַץ, מיט דער בּעגרינדונג, אז פּראָפעסאר אלעקסאנדער האט מיט איהם געמאַכט א שטודיען־אָפעראַציע.

ביים געריכט האט סאוקאָפּ פערשפּילט און דאָס האָט איהם אַזוי געקרענקט, אז ער האט זיך אויש ענט־שלאָסען דעם פּראָפעסאר צו דערשיסען. ער האָט איהם ערוואַרטעט ווען ער איז אַרויסגעגאנגען פון זיין וואוינונג ראטהשילד־שטראסע נומר 11 און איז איהם נאָך געגאַנגען ביז דעם הויז נומר 13 און האָט אויף איהם אויסגעפייערט צוויי רעוואָלווער־שיסע.

גליקליכער־ווייזע האָבען ביידע שיסע געפעהלט און דר. אלעקסאנדער האָט נאָך צייט געהאט אריינצולויפען אין הויז נומר 13 און האָט אין דער שנעלינקייט פערמאַכט דעם טויער. סאוקאָפּ האָט אפילו געגעבען נאָך א דריטען שוס. אָבער ער האָט איהם געטראָפען אין טויער און דעם פּראָפעסאר אלעקסאַנדער האָט נאָר נישט גע־שאַדט.

דער אַטענטאַטער איז פערהאַפטעט געוואָרען און וועט זיך אין וויענער לאַנדעס־געריכט מוזען פערטיידיגען פאר מאָרד־איבּערפאַל.

# א איבעראשענדע מעדיצי־נישע ערפינדונג.

די מעדיצינישע וויסענשאַפט איבעראשט אונז אַלע מיט א נייער ערפינדונג, אַזוי דאָס ווערען אָפט־מאָל נאָך וואָהר פון נייע היילמיטעל געגען א זעלכע קראַנקהייטען, וואָס די מעדיצינישע וועלט האָט דורך יאָהרען־לאַנג אַנערקענט פאר אונהיילבּאַר.

די הערץ־קראַנקהייט איז איינע פון דיזע קראַנק־הייטען, וואָס זענען אַם מייסטען און אַם שטאַרקסטען פערבּרייטעט אין דער היינטיגער געזעלשאַפט און ס׳הערען זיך אַזוי עפטער׳ס פעלע, אז מענשען שטאַרבען אויף הערץ־שלאַג, נישט איינער נעהמט אום לעבעדיג. מונטער און הלומ׳ט נאָר נישט פון טויט און פלוצים בעקומט ער א הערץ־שלאַג־אַנפאַל און שטאַרבט נאָר אומפערהאָפט.

איצט האָט א פּראָפעסאר דער מעדיצין, דר. מארבע פון פראַנקפורט אם־מאין, ערפונדען אַזא צוויי־פאָרמיגען אַפּאַראַט, מיט וועלכען מ׳קען גענוי פעסט־שטעלען די הערץ־שלעגע פון יעדען מענשען, כדי אויף אַזא אופן צו קענען שטעלען די ריכטיגע און וויכטיגע דיאַגנאָזע פאר דער הערץ־טעטיגקייט.

דאס נייע־ערפונדענע אַפּאַראַט, וועמענס בילד מיר ברענגען אין אונזערע היינטיגער נומער, האָט צוויי אָבּטיי־לונגען; איינע פאר מענשען מיט נאָרמאַלער הערץ־טעטיגקייט און דאָס צווייטע פאר מענשען מיט קראַנקע הערצער.



נייע שפיאָנישע־אַפערען: דער שפּיאָן מארצעל מילאבעצקי.



א׳נאטענטאט אויס נקמה: פראָפעסאר דר. אלעקסאנדער.



מיניסטער אויף דער אנקלאגע=באנק : סצענען פון דער פערהאנדלונג נעגע, די דענישע מיניסטער קריסטענזען און בערנ.

# ראטהשילד'ס צדקה-גבאי געשטארבען.

אין ווין איז געשטארבען דער פערוואלטער פון די צדקה-ענינים אין ראטהשילד'ס הויז, עמיל הארנער.

עמיל הארנער איז אינ'ם יאהר 1845 געבוירען געווארען ביי וויענער יודישע עלטערן פון קויפמאנס-שטאנד. נאך זיין ענדיגען די האנדעלס-אקאדעמיע איז ער איינגעטרעטען אלס בעאמטער אין ראטהשילד'ס באנק-הויז. וואו ער האט ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען, אזוי דאס ער האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמ-קייט פון ראטהשילד'ן און איז דאן געווארען זיין פרא-קוריסט.

שפעטער האט איהם ראטהשילד איבערגעגעבען אלס בעשטענדיגע פונקציע, די פערוואלטונג פון אלע זיינע צדקה-ענינים, וועלכע ער מיט זארגפעלטיגקייט גע-פיהרט ביז אין זיין לעצטען לעבענס-טאג.

אלס צדקה-גבאי פונ'ם ראטהשילד'ישען הויז, איז עמיל הארנער פאפולער געווארען ביי דער גאנצער יודי-שער בעפעלקערונג און אלס הומאנער מענש מיט מיט-געפיהל פאר אלע ליידענדע, איז ער אויך בעליעבט גע-ווארען ביי אלע מענשען, מיט וועלכע ער איז נאר גע-קומען אין בעריהרונג.

זייט עטליכע יאהר איז ער געזעסען אין דער וויע-נער קולטוס-געמיינדע אלס קולטוס-ראטה, וואו ער האט פערנומען א בכבוד'ען פלאץ.

דעם טאג פון זיין טויט האט ער נאך ערלעדיגט אלע אנגעלעגענהייטען. נאך אהיים-קומענדיג נאכמיטאג עסען, האט ער בעקומען א הערץ-שלאג און איז תיכף געשטארבען.

# נייע שפיאנאשע אפערע.

אין לעצטער צייט 'מעהרען זיך אין עסטעררייך די ענטדעקונגען פון שפיאנען, וועלכע שטעהען אין פערבינ-דונג מיט אויסלענדישע רעגיערונגען און פרובען זיי צו פערראטהען 'וויכטיגע מיליטערישע סודות.

אין ווין זענען ערשט פאריגע וואך פערהאפטעט געווא-ען צוויי מיליטער- פערזאנען, וואס האבען פער-ראטהען וויכטיגע מיליטערישע געהיימניסע קיין רוסלאנד און עס הערט זיך, אז דער רוסישער מיליטער-אטישע אין ווין, מאטשענקא, וועט בקרוב פערלאזען זיין שטעלע, ווייל עס ליגט אויף איהם דער חשד, אז ער איז גע-שטאנען אין פערבינדונג מיט דיעזע שפיאנען.

בעזונדערס גרויס אבער איז די צאהל פון די רוסישע שפיאנען אין גאליציען. די רוסישע קריעגספער-וואלטונג וויל דורכאויס געוואהר ווערען די מיליטערישע סודות פון עסטעררייך און ווייל ביי א עווענטועלען קריעג מיט עסטעררייך וועט גאליציען זיין דער הויפט-קריעגס-פלאץ, איבערדעם פערקעהרען דיעזע שפיאנען הויפטזעכליך אין גאליציען און פון צייט צו צייט ווערען זיי געכאפט.

אזוי איז אונלענגסט פערהאפטעט געווארען אין לעמבערג אם באהנהאף א געוויסער מארצעל מילא-דענצקי, 34 יאהר אלט. ביי וועלכען מען האט גע-טראפען וויכטיגע פאפיערען פון רוסישען גענעראל-שטאב. צווישען זיינע פאפיער'ען האט מען אויך געפונען אנפ-א-נען פון גענעראלשטאב, אין וועלכען ער ווערד געפ-ענט איבער ד' קאנצענטרירונג פון מיליטער אין דעם פשעמי-שער מיליטער-קארפעס, איבער דעם מוניציאנס-פאראטה אין די פעסטונגען און איבער דעם פערהאלטען פון דער פוילישער בעפעלקערונג אים פארינגען ווינטער. ווען ס'האט געדראהט א קריעג צווישען עסטערייך-אונגארן און סערביען.

מילאדענצקי האט געראדע געוואלט פאהרען קיין פשעמישל. ווען מען האט איהם פערהאפטעט און איבער-געגעבען דעם געריכט.

איסער מילאדענצקי, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, זענען אין די לעצטע וואכען נאך עטליכע רוסישע שפיאנע אין גאליציען ארעטירט געווארען.

# מיניסטער אויף דער אנקלאגע-באנק.

„עס איז עפים פויל אין דעם שטאאט דענעמארק !" איז א בעקאנט קלאסיש שפריכווארט. אבער נישט בלויז אין די אלטע צייטען איז דא-ט עפים פויל געוועזען. נאר אויך איצט איז דארט פאראנען זעהר פיעל פולעס און שערליבעס.

דאס פוילסטע און שערליכסטע איז די קארופציע, וועלכע האט א צייט לאנג געהערשט אין גאנצען לאנד און האט רעדנ-ייכט ביז צו די מיניסטע-.

דעם העכסטען רעקארד אין דיעזער בעציהונג האט ערדרייכט דער געוועזענע יוסטיצמיניסטער אלבערטי. וואס זיינע דעפרודאציעס האבען ערדרייכט מיליאנען. אלבערטי איז ענטלארפט געווא-ען, זיינע חברים האבען געמוזט צור-ריקטרעטען און אויף זייער ארט איז געקומען א נייע מי-ניסטעריום. וועלכעס סטארעט זיך ארדנונג צו מאכען אין לאנד. דאס פארלאמענט, וועלענדיג פערהיטען עהנליכע פארקאמניסע אין דענעמארק, האט בעשלאסען צו שטע-לען אונטער אנקלאגע די געוועזענע מיניסטער קריסטענ-זען און בערג, ווייל זיי האבען געוואוסט פון אלבערטים שווינדעלייען און האבען געשוויעגען.

דער געריכטסהאף, פאר וועלכען דער פראצעס איז פערהאנדעלט געווא-ען, איז בעשטאנען פון 13 מיטגליע-דער פון פארלאמענט. אויך די פערהאנדלונג איז פא-גע-קומען אין פארלאמענטס-זאאל.

די אנגעקלאגטע געוועזענע מיניסטער וענען פער-טהיידיגט געווארען פון דעם אדוואקאט בילאוו.

די פערהאנדלונג איז פערטאגט געווארען ביז צום 2-טען אפריל.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער א א-יי-גינעל בילד. פארשטעלענדיג דעם געריכטסהאף, די אנגע-קלאגטע מיניסטער, דעם שטאאטסאנוואלט און דעם פער-טהיידיגער.

# די יודען פון קאכין-כינא.

אין קאכין-כינא (א לאנד אין אזיען, וואס געהערט איצט צו פראנקרייך) לעבט א קליינע יודישע געמיינדע, וועלכע שטאמט אב נאך פון די עלטעסטע יודען, וואס זענען דא-טהין אויסגעוואנדערט נאך ביים בית-שני.

זיי זענען שווא-ץ ווי די אינדיאנער, זייער שפרא-כע, זייער לעבענסווייזע און זייער גאנצע אויפפיה-ונג איז עהנליך צו די אינדיאנער. נאר אין זייער רעליגיע זענען די יודען אין האלטען תורת משה, זיי זענען זיך נישט משדך נא- צווישען זיך. זיי האבען בעזונדערע בעטהייזער ספרי-תורות, און א בעזונדערען בית-עלמין.

לעבען לעבען זיי אין דער גרעסטער נויטה און דחקות. זיי זענען ביי זייערע שכנים נישט בעליעבט און אפט ווערען זיי פון די זעלבע פערפאלגט.

זייער צאהל איז זעהר קליין און ווערט פון טאג צו טאג קלענער.

# א סכסוך צווישען ראטשילד און ניקאלאי דעם 1-טען

דער סכסוך, וואס האט איצט אויסגעבראכען צווישען רוסלאנד מיט דער דייטשער באנק, צוליעב' דעם א-עסט. וואס דער דייטשער ליפע-אנט העלפער האט גע-לענט אויף די רוסישע קאפיטאלען, וואס ליגען אין די דייטשע בענק, האט דערמאהנט אן א עהנליכען סכסוך, וואס איז א מאל אויסגעב-אכען צווישען רוסלאנד מיט'ן לאנדאנער ראטשילד, צוליעב דעם בעריהמטען רוסישען רעוואלוציאנער אלעקסאנדר הערצען.



א פרוי אלם ארקעסטער-דיריגענטין . פרל. מא-יא-ע פלאשהע-

**Nadesłane.**

**Dział inseratowy „Zydowskiej Gazety Ilustrowanej“** objęło biuro reklamowe i anonsów **„Prinzipia“ w Krakowie ul. św. Marka 21.** do tej firmy należy się zwracać we wszystkich sprawach inserowania w powyższem piśmie.

**Die Inseratenabteilung der „Jüdischen Illustrirten Zeitung“ hat das Anoncen und Reklamen-Bureau „Prinzipia“ Krakau, Markagasse 21.** übernommen, zu welcher sich die P. T. Inserenten in aller Insertionsangelegenheiten wenden wollen.

## זעהר וויכטיג פיר קויפלייטע.

איך איבערנעהמע צום איבערזעצען זעמטליכע אונגארישע געריכטס־אקטען קארעספאנדענץ עטצ. איך בין אויך אין דער לאגע אלע געטהיגע קארעספאנדענצען אין דער אונגארישער שפראכע צו שרייבען.

**Manó Mermelstein, Krakau, Dietelsgasse 57 II. Stock.**


## פרעמיעס פאר אונזערע דירעקטע אבאנענטען.

1) ווער ס'אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ וועניגסטענס אויף א **פיערטעל יאהר** דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע בעקומט בחנם א שיינעם **וואנדקאלענדער לשנת תר"ע.**

2) ווער ס'אבאנירט דאס בלאט דירעקט וועניגסטענס אויף א **האלב יאהר** בעקומט חוץ דעם לוח א פרעמיע איינע פון די צוויי העכסט־אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונגען:

א) **„דוד שפירא“**, דער בעפרייער פון פראג.

ב) **„דון יוסף הנשיא“**, הערצאג פון נאקסאס.

ביידע שען אויסגעשטאטעט.

3) ווער ס'אבאנירט דאס בלאט דירעקט אויף א **גאנץ יאהר**, בעקומט חוץ דעם לוח אלס פרעמיע די ביידע אויבענדערמאנטע ערצעהלונגען: **„דוד שפירא“ און „דון יוסף הנשיא“.**

די פרעמיעס ווערען צוגעשיקט פארטא־פריי.

די פריהערע פרעמיעס: „שפיצקאפף“ און „ספרי דר רובין“ זענען שוין אים גאנצען פערגריפען.


# עטליכע יודישע זעטצער

## געפונען זאפארט בעשעפטיגונג

### אין דער דרוקעריי
# י. פישער, קראקא.

# יודישע לעהרלינגע

## נאר פון קראקא

פאר דערזעלבער דרוקעריי געזוכט.

## לעזט די טעגליכע צייטונג

# „דער טאג“

## „דער טאג“ קאסט:

**אין קראקא און אין לעמבערג:**

| | |
|---|---|
| מאנאטליך | 1.20 קראנען. |
| פיערטעליעהרליך | 3.50 „ |
| האלביעהרליך | —.7 „ |
| איינצעלנע נומער | 6 העלער. |

**אין גאנץ עסטעררייך:**

| | |
|---|---|
| מאנאטליך | 1.50 קראנען. |
| פיערטעליעהרליך | —.4 „ |
| האלביעהרליך | —.8 „ |
| איינצעלנע נומער | 8 העלער. |

**אין רוסלאנד:** מאנאטליך 50 ק. פיערטעליעהרליך 1.50 רובל. האלביעהרליך 3 רובל. איינצעלנע נומער 2 קאפ.

**אין אויסלאנד:** מיט טעגליכער צוזענדונג פער קווארטאל 7 פראנק. גאנציעהריג 25 פראנק. איינצעלנע נומער 12 סענטים.

## פרעמיע פאר די אבאנענטען.

די דירעקטע אבאנענטען פונ'ם „טאג“ בעקומען אלס בחנם'דיגע פרעמיע **„בית ישראל“** (א פאמיליענבלאט פאר יעדען יודישען הויז). די אילוסטרירטע ליטעראריש־בעלעטריסטישע מאנאטשריפט

דאס ערשטע העפט ערשיינט שוין אים קומענדען חודש יענער.

די אבאנענטען פון דער „**יודישער אילוסטרירטער צייטונג**“ בעקומען דעם „**טאג**“ מיט **10% ביליגער.** עבענזא וועלען די אבאנענטען פון דעם „**טאג**“ בעקומען די „**יודישע אילוסטרירטע צייטונג**“ מיט **10% ביליגער.**

אדרעסע: **Redakcya „DER TAG“ (Dzień) Kraków, Grodzka 62.**

**Skrzynka pocztowa 124.**

פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא 49. פיליע אין לאדז: פשעיאזד 16.

## עפּילעפּסיע.

ווער עס אן פאלזוכט, קרעמפּפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס אונד פראנקא דורך די
**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**

---

## Packet-Träger

und Knebel liefert billigst

Hans Pruner, Gloggnitz N. Ö.

---

## Rehgeweihe

Hirschgeweihe Hirschzähne u. s. w. suche ich zu kaufen. Offerten mit Preis unter „DB" 378 an **Rudolf Mosse, Dresden.**

---



זאדאוואסער־מאשינען קופּפער צילינדער אלעראיט נעדערפס־ארטיקעל פיר זאדא־וואסערפאבריקען ליפערט ביללינ
Brückenstein Lemberg, Panieńska 15

---

יהודים צעירים! תמכו השתדלו בעד ירחונכם!

### מודעה ספרותית!

אחר נסיונות רבות שלא עלו יפה נגשים עברים צעירים בזלושוב מוויגים בכח חיים חדש, לברא במת ספרותית בגליציה תחת השם

### „ה צ ע י ר".

„הצעיר" יכנוס תחת דגלו את כל צעירי הכשרונות שבארצנו שיש להם מה לתגיד לספר ולשורר.

„הצעיר" יפיה את תצירת העברית במובנת היותר מודרני וישפר את הטעם הטוב בהעניקו לקוראיו חמר חנון מעשי ידי סופרים מומחים. מבמו של „הצעירי יהיה מכון תמיד אל מרכז שאיפתו יהיה תמיד הטעם הטוב שם העורך של „הצעיר" כבר ערובה כי יתיה ירחון ספרותי במלא מובן המלה.

„הצעיר" יתחיל לצאת בחודש סעבער הבא בדיוק בכל חודש וחודש. מחיר לשנה 2 ק. 20 ה. להצי השנה 1 ק. 15 ה. לרבע השנת 60 ה. מחיר החוברת 20 ה.

הכתבת לרדקציה: Isak Fernhauf Stanislau
לאדמינסטרציה: Lasar Bernstein Złoczów

יהודים צעירים התאחדו בעד ירחוניכם. סוכנים חרוצים וזריזים יבוקשו.

---

## Staunend billig.

Graetz. Volkstümliche Geschichte der Juden 3 Bände Kr. 9·50.

**Markus Stein, Żółkiew**

---

## געהער עהל

פונים בעריהמטען אבערשטאבסארצט און פיזיקוס דר. נ. שמידט בעווייזט שנעל און גרינדליך טויבהייט אויערן־פלוס אויערזויזען און שוועריהעריגקייט אפילו ביי פעראלטעטע פעלע צו בעציהען א 4 קראנען די פלאש מיט נעברויכס־אנווייזונג דורך די
Apotheke H. RUBEL
vorm. S. Rucker, Lemberg.

---

MARKA OCHRONNA

·Cacao·
## Hoff

Przewyższa wszystkie dotychczasowe marki
JanaHoffa fabryka czekolady i kakao · WIEDEŃ-STADLAU

---

## Kluge Eheleute

bestellen sofort gegen Einsendung von nur 60 Heller in Briefmarken das Buch Ehe u. Liebe ohne Kinder, durch Frau
**Müller, Leipzig-Li., 22.**

---

Für Wien-Reisende!

## Hotel Nordwestbahn

**Wien II, Taborstr. 47**

(beim Nordwest u. Nordbahnhof) empfiehlt schöne, reine Zimmer um K. 2·50 8 Min. vom Stadtzentrum. Alle Auskünfte im Hause.

*Zimmermann*, Besitzer.

---

## אלערפיינסטען טהעע אונד קאפע

פערזענדעט פער פאסט פון איין קילא אנגעפאנגען. פאן 4 קילא אויפווערטס ווערדע פראנקא אונד אנגרא־פרייזע בערעכנעט. אן וויעדערפערקייפער גרויסער ראבאט.

דא איך איין גרויסעס לאגער דירעקט אוים טריעסט האבע זא זינד די פרייזע מעסיג: טהעע פאן 4 קר', קאפע פאן 2.40 אויפווערטס. אויף פאקעל טהעע פון 6 h. אנגעפאנגען בעקאמטען וויעדערפערקייפער 30% ראבאט.

Alexander Frey, Nowy-Targ.

---

## Bettnässen!

Befreiung sofort, Alter und Geschlechts angeben. **Auskunft umsonst.** Institut Aeskulap Nr. 476 Regensburg in Bayern.

---

# „VLAHOV"

najlepsza hygieniczna specyalność światowej sławy, o cudownie wzmacniającem działaniu na żołądek.

## „MARASCHINO CREME"

przewyższa wobec swej doskonałości wszystkie pod tą nazwą wyrabiane likiery,

dostarcza:

## R. VLAHOV, Zara w Dalmacyi.

Zastępca dla Galicyi i Bukowiny:

## ALOJZY GROBLER

Dom komisowy w Krakowie. Telefon Nr. 518.

---

## Reparaturen

von

## Nähmaschinen

aller existierenden Systeme

wie auch

## Elektrischer-Glocken

übernimmt

zu billigen Preisen

## Erwin Fuchs

Elektro-Mechanische-Anstalt- und technische Niederlage.

**Krakau, Senackag. 10.**

Provinz-Aufträge werden promptest effektuirt.

---



Zeïdijje

# „ZEÏDIJJE"

**Das goldene Buch der Schönheitspflege**

Verfasst von **Ph. MR. GUSTAV PROCHE**

Apotheker und Inhaber des chemisch-kosmetischen Laboratoriums **Brcka**, Bosnien.

**Inhalt:**

1. Vorwort.
2. Was ist die Schönheit?
3. Was nennt man Schönheitspflege?
4. Jede Dame kann schön werden.
5. Systematische Schönheitspflege.
6. Wie die Orientalin die Schönheitsmittel gebraucht.
7. Ueppiger Haarwuchs.
8. Behandlung spröder, struppiger Haare,
9. Pflege der Augenbrauen und Wimper.
10. Haarfarbe schwarz.
11. Tägliche Mund- und Zahnpflege.
12. Gutachten

**Versand diskret gegen Vorauseinsendung von 60 H. (auch in Briefmark.) portofrei durch:**

Parfumerie ORIENTALE
GUSTAVE PROCHE BRČKA · BOSNIE

ОРИЈЕНТАЛСКА ПАРФИМЕРИЈА
Густав Прохе, Брчко-Босна

